**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער קעטי האקול מעלדט די עפענונג פון צוויי עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענטס אין מאנטגאמערי קאונטי

***ווערערסבערג דירות און האלאנד סירקל דירות וועלן צולייגן עפארדעבל און הילפבארע הייזער אין די שטאט אין טאון פון אמסטערדאם.***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון צוויי נייע דעוועלאפמענטס וואס וועלן ברענגען 110 עפארדעבל און הילפבארע הייזער פאר מאנטגאמערי קאונטי. די לעצטנס פארענדיגטע ווערערסבערג דירות אין די שטאט אמסטערדאם פארמאגט 62 דירות און די שוין יעצט פארעפנטע האלאנד סירקל דירות אין די טאון אמסטערדאם שטעלט צו 48 הייזער.

"א דאנק די שטיצע פון די סטעיט, וועלן די צוויי נייע דעוועלאפמענטס העלפן פארזיכערן אז משפחות אין מאנטגאמערי קאונטי האבן א זיכערע, סטאבילע, און עפארדעבל פלאץ צו רופן זייער היים," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע טוט ווייטער ארבעטן צו אונזער וויזיע פון א מער עפארדעבל און מער וואוינבארע ניו יארק דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין עפארדעבל און הילפבארע האוזינג און אונזער ווייטערדיגע צוזאג צו העכערן די האוזינג סופליי אין די מאוהאק וואלי און מער."

די ווערדערסבערג דירות און האלאנד סירקל דירות זענען א טייל פון די גאווערנער'ס $25 ביליאן פולשטענדיגע הויזונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק אריינרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען.

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האומס און די קאמיוניטי ריניועל אינוועסטירט איבער $37 מיליאן צו מאכן אדער אויפהאלטן איבער 200 עפארדעבל דירות אין מולטי-פאמיליע געביידעס אין מאנטגאמערי קאונטי.

**ווערערסבערג דירות**

די $21 מיליאן ווערערסבערג דירות, אויף 251 איסט מעין סטריט, ענטהאלט 62 עפארדעבל דירות, אריינגערעכנט 31 רעזערווירט פאר מענטשן וואס וועלן האבן צוטריט צו אן-סייט הילף סערוויסעס. אפערירונג פאנדינג פאר די הילף סערוויסעס וועט ווערן צוגעשטעלט דורך די עמפייער סופארטיוו האוזינג איניציאטיוו דורך די סטעיט דעפארטמענט אוו העלט.

די געבוי פון די ווערערסבערג דירות גייט צוריק צו נוצן אן אלטע חרוב'ע געגנט וואס האט געהאט עטליכע ליידיגע פלעצער, אריינגערעכנט דריי רעזידענטל הייזער און עטליכע ליידיגע קאמערציאלע בנינים.

די 62,000 סקווער פיס, דריי שטאקיגע בנין נעמט אריין 12 סטודיא דירות, 46 איין בעדרום דירות, און פיר צוויי-בעדרום דירות. די דירות זענען עפארדעבל פאר משפחות מיט איינקונפט צוויצן 30 און 60 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם. די דעוועלאפמענט איז געווארן אויסגעשטעלט לויט די רעגולאציעס פון די NYSERDA לאו רייז ניו קאנסטאקשן פראגראם און LEED ווערסיע 4, BD+C הייזער.

פינאנצירונג פאר די וועדערסבערג דירות נעמט אריין $14 מיליאן אין ניו יארק סטעיט און פעדעראלע נידריג-פארדינסטן האוזינג שטייער קרעדיטס און $5 מיליאן און סובסידי פון די ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי רעניועל. די קאמיוניטי פרעזערוועישן קארפארעישן טוט צושטעלן אן $11 מיליאן קאנסטראקשן הלוואה און די קאפיטל ראיאן לאנד באנק וועט ארויסהעלפן מיט א $50,000 גרענט. די ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטאל העלט וועט צושטעלן א $209,000 פראדשעקט דעוועלאפמענט גרענט אין אנפירונגס פאנדינג דורך די ESSHI אין די סומע פון $775,000 יערליך. די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסערטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט טוט צושטעלן א $57,200 גרענט דורך איר ניו קאנסטראקשן פראגראם.

**האלאנד סירקל דירות**
די $20 מיליאן האלאנד סירקל דירות, אויף 160 האלאנד סירקל דרייוו אין די טאון פון אמסטערדאם האט 48 ניי געבויטע עפארדעבל דירות אין א פינף-געביידע קאמפלעקס, אריינגערעכנט 27 דירות רעזערווירט פאר מענטשן וואס ווען האבן צוטריט צו אן-סייט הילף סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די מענטאל העלט אסאוסיעשן און פאלטון און מאנטגאמערי קאונטי. אלע דירות זענען עפארדעבל פאר משפחות מיט איינקונפט מיט ווייניגער אדער 60 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם.

האלאנד סירקל איז געווארן געבויט אין ליניע מיט די NYSERDA לאו רייז ניו קאנסטראקשן פראגראם און LEED פאר הייזער V4 פראגראמען סטאנדארטן, און וועט נוצן די פאקטארן אריינגערעכנט ענערגיע סטאר אפלייענסעס און פלאמבינג געצייג וואס שפארט וואסער. איינוואוינער וועלן הנאה האבן פון אמעניטיס, אריינגערעכנט א פרייע בראודבענד ווי-פיי און אן סייט איבונגען צימער.

פינאנצירונג פאר די ווערדערסבערג דירות נעמט אריין $9 מיליאן אין ניו יארק סטעיט און פעדעראלע נידריג-פארדינסטן האוזינג שטייער קרעדיטס און $2 מיליאן און סובסידי פון די HCR. די קאמיוניטי פרעזערוועישן קארפארעישן טוט צושטעלן א $6 מיליאן דאלער קאנסטראקשן הלוואה און אן $8 מיליאן פערמענאנטע הלוואה, פון וועלכע די ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטאל העלט ( Office of Mental Health, OMH) וועט צושטעלן חובות סערוויס. OMH וועט אויך צושטעלן אן אנפירונגס פאנד פון $103,295 יערליך פאר די 5 SP-SRO דירות, ווי אויך אנגייענדע אנפירונגס פאנדינג פאר די לייסענסד דירות באהאנדלונג דירות. די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסערטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט טוט צושטעלן א $48,000 גרענט דורך איר ניו קאנסטראקשן פראגראם.

ביידע פראיעקטן ווערן דעוועלאפט דורך דעפאול האוזינג מענעדזשמענט קארפארעישן.

**די ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי רעניועל קאמישאנער רוטען וויסנאוסקעס זאגט,** "די צוויי נייע דעוועלאפמענטס וועלן נישט נאר פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר 110 משפחות מיט מאדערנע, ענערגיע שפארנדע דירות מיט קריטישע הילף סערוויסעס, נאר וועלן אויך צוגעבן צו אמסטערדאם'ס אנגייענדע אויפבליאונג און בויען אויף די פארשריט וואס איז געמאכט געווארן לעצטע יאר מיט די איבערבוי פון די סטרעטן דירות. א דאנק צו דעפאול און אייער פילע פריוואטע און סטעיט שותפים פאר זייער ראלע אין מאכן די דעוועפמענטס א רעאליטעט און העלפן אונזער מיסיע צו פארבעסערן די שכינות און פארמערן די סופליי פון עפארדעבל דירות אין געמיינדעס איבער ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסערטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דאורין מ. העריס זאגט,** "NYSERDA איז צופרידן צו העלפן די וועדערסבערג און האלאנד סירקל עפארדעבל דירות דעוועלאפמענטס און טוען אויסלויבן די דעוועלאפער פארן אריינרעכענען אן-סייט הילף סערוויסעס אלס טייל פון זייער איבערגעגעבנקייט צו די געמיינדע. דורך די וויזיע צו אויפבליען פון פריערדיגע אומגענוצטע פראפערטי, וועלן די קאמפלעקסן צוזאמען צושטעלן 110 נייע הייזער פאר מאנטגאמערי קאונטי איינוואוינער בשעת'ן פאראויס רוקן די סטעיט'ס צוזאג צו ברענגען געזונטע, זיכערע, און באקוועמע ענערגיע-שפארנדע דירות צו יעדע ראיאן."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער זאגט,** "יעדע מאנטגאמער קאונטי איינוואוינער קומט זיך צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע דירות און איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידריגע איינקונפט דירות שטייער קרעדיט האט צוגעשטעלט די מיליאנען וואס פעלט זיך אויס צו איבערמאכן פריערדיגע פארלאזטע ערטער צו איבער 100 נייע עפארדעבל, צוטריטבארע הייזער צו העלפן אונזער מערסטע אומבאהאלפענע איינוואוינער וואוינען אומאפענגיג. איך אפלאדיר גאווארנער האקול'ס קאמיטמענט צו פארמערן צוטריט צו עפארדעבל דירות איבער ניו יארק סטעיט, און איך וועל זיך ווייטער שלאגן צו פארגרעסערן די סופליי פון דירות און שאפן א מער עפארדעבל און וואוינבארע ניו יארק פאר אלע."

**סענעטאר קירסטין גיליבראנד זאגט,** "אויסברייטערן צוטריט צו עפארדעבל דירות אפציעס איז קריטיש פאר ניו יארקער. די נייע דירות דעוועלאפמענטס וועלן העלפן פארזיכערן אז אונז קענען נאכקומען די דירות און סערוויסעס נויטיג אין מאנטגאמערי קאונטי. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס פרואוון צו פארברייטערן עפארדעבל דירות פאר די מאנטגאמערי קאונטי געמיינדע און דורכאויס די סטעיט."

**אסעמבלימעמבער אנגעלא סענטעבארבארע זאגט,** "מיט די פארענדיגונג פון די דעפאול'ס צוויי נייע קאמפלעקסן אין אמסטערדאם וועלן מיר יעצט קענען צושטעלן פאר מער ווי 100 נידיג-פארדינענדע משפחות און מענטשן מיט אן ארט צו רופן זייער היים פאר א צוגענגליכע פרייז. די ענערגיע-שפארזאמע וועדערסבערג דירות אין די סיטי'ס איסט ענד וועלן רעזערווירן 31 דירות פאר איינוואוינער מיט מענטאל העלט דיאגנאזן וואס האבן צוטריט צו אן-סייט הילף סערוויסעס צוגעשטעלט דורך דעפאול. אזוי אויך טוט די האלאנד סירקל דירות אין די טאון אמסטערדאם האבן 27 דירות רעזערווירט פאר מענטשן וואס נויטיגן זיך אין הילף סערוויסעס צוגעשטעלט אן-סייט דורך די מענטאל העלט אסאוסיעשן און פאלטון און מאנטגאמערי קאונטי. האוזינג צוטריט מוז זיין ביים אנהויב פון אונזער צוגאנג צו מענטאל העלט, אזוויי די צווי שוועריגקייטן טוען ערגער מאכן איינער דעם צווייטן. פאר פילע מענטשן אין אונזער געמיינדע טוט שאפן דירות זיין א מוטשעניש. בשעת די פראיקטן וועלן העלפן נאכקומען אונזער געמיינדע'ס האוזינג פארלאנג, טוט אדרעסירן די גרויסע נויט פארבלייבן א הויפט פראיאריטעט פאר מיך."

**אמסטערדאם מעיאר מייק סיקוּוענטי זאגט,** "אונזער סיטי איז גליקליך אז דעפאול האט אויסגעוועלט צו אינוועסטירן אין אמסטערדאם. עס איז די אחריות פון יעדע מיניציפאל צו טוהן וואס עס קען צו צושטעלן די סארטן פון גוטע דירות וואס אירע איינוואוינער ווילן, דארפן, און קענען זיך ערלויבן. וואדערסבערג דירות טוט אנפולן א קריטישע לאך אין אונזער סיטי'ס דירות אינווענטארי מיט דויערהאפטיגע קאנסטראקשן און קריטישע, שטארק רעספעקטירטע הילף סערוויסעס."

**דעפאול פרעזידענט מארק פולער זאגט,** "די עפענונג פון די האלאנד סירקל און וואדערסבערג דירות טוט פארמערן די אוועילעביליטי פון צוגענגליכע און הילפבארע דירות פאר מענטשן און משפחות וואס וואוינען אין מאנטגאמערי קאונטי און וועט העכערן באציאונגען מיט די עקזיסטירנדע געמיינדע סערוויסעס דעפאול איז דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול און אירע שותפים פארן אונז העלפן העכערן אונזער מעגליכקייט צו צושטעלן לאנג טערמיניגע אדער פערמענאנטע דירות ווי איינוואוינער קענען האבן צוטריט צו הילף סערוויסעס וואס זיי דארפן צו וואוינען מיט הצלחה. מיר קוקן ארויס צו טוישן נאך מער לעבנס

פאר מענטשן אין מאנטגאמערי קאונטי און איבער ניו יארק סטעיט דורך צושטעלן האוזינג סטאביליטעט פאר די מערסט הילפסלאזע באפעלקערונגען."

**מילי דיען, סעניאר וויצע פרעזידענט און קאפיטל ראיאן דירעקטאר ביי די קאמיוניטי פרעזערוועישן קארפארעישן זאגט,** "ביידע די וואדערסבערג און די האלאנד סירקל דירות זענען ביישפילן וויאזוי אונזער מיסיע געטריבענע אינוועסטירונגען אין האוזינג קען סערווירן די ספעציעלע נויטונגען פון א געמיינדע. די נייע דעוועלאפמענטס וועלן העלפן אויסברייטערן די אוועיליביליטי פון דויערהאפטיגע צוגענגליכע האוזינג און צושטעלן א זיכערע און הילפבארע אטמאספער ווי מענטשן קענען וואוינען מיט די כבוד און רעספעקט וואס עס קומט זיי. איך וויל באדאנקען אונזער שותפים ביי דעפאול פאר זייער קאמיטמענט צו אריינברענגען הילפבארע דירות אין אונזערע געמיינדעס, צו NYS הייזער און קאמיוניטי רעניועל פאר זייער ווייטערדיגע ארבעט, און צו אלע אונזער שותפים פארן מאכן ניו יארק מער עפארדעבל און מער גלייך."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418